# נקודת האמת

כִּי צְרִיכִין לְהַטּוֹת אָזְנוֹ הֵיטֵב הֵיטֵב לִשְׁמוֹעַ דִּבְרֵי חֲכָמִים, לְהַבְחִין בֵּין הָאֱמֶת הַבָּרוּר וּבֵין הָאֱמֶת שֶׁאֵינוֹ בָּרוּר, מִכָּל שֶׁכֵּן בֵּין הַשֶּׁקֶר, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לִמְצֹא **נְקֻדַּת הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ** שֶׁעַל-יְדֵי זֶה מִתְבָּרֵר הָאֱמוּנָה.
(ליקוטי הלכות בית הכנסת הלכה ו׳)

אַ ליכטיגקייט און קלאָרקייט
אין עבודת השם, פונעם קוואַל
פון הרה״ק רבי **נחמן מברסלב**
זצוקללה״ה און זיינע הייליגע
תלמידים זיעועכי״א

גליון 17 | **פרשת קרח** תשע״ד לפ״ק

## נישט זיין קיין 'קרח'

*אַרויסגענומען פון די רייד פון הרה״ק רבי נתן מברסלב זצ״ל, ליקוטי הלכות שבועות ב׳*

אין די סדרה פון די וואָך באַגעגענען מיר אַ ביטערע פרשה. 'קרח' מיט זיין געמיינדע זענען אויפגעשטאַנען מיט אַ טענה: **"כי כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה' ומדוע תתנשאו על קהל ה'"**. היתכן?! מיר אַלע דאַרפן זיין אונטער געוואָרפן אונטער איין צדיק?! וואָס עפּעס?! מיר זענען אויך גאַנץ פיינע אידן, מיר זענען אויך געשטאַנען ביים 'מעמד הנבחר' און געהערט 'עשרת הדברות' פונעם אויבערשטן אַליין, צו וואָס דאַרפן מיר זיך אַלע מבטל זיין און אַראָפּ בייגן דעם קאָפּ אונטער משה?!

### אונזער היימישער 'קרח'

די דאָזיגע טענות האָבן זיך נישט געענדיגט ביים דור המדבר. עס ווידערהאָלט זיך - אין יעדן דור - נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, יעדעס מאָל מיט אַנדערע אויסדרוקן. אָבער די אונטערשטע שורה איז שטענדיג די זעלבע קשיא מיטן זעלביגן אויספיר: פאַרוואָס קומען די חסידים אַפיר מיט נייע זאַכן: "מען דאַרף געהערן צו אַ 'צדיק-אמת', גלויבן אין אים, אים ליב האָבן, און זיך פאַררופן אַלץ חסיד זיינע"; קען מען דען נישט זיין קיין ערליכער איד אָן דעם?! אונז האָט מען אויסגעלערנט אַז אַ אידנ'ס פליכט אויף דער וועלט איז: זיך אויפצופירן ערליך, האָבן אַ 'קביעות עתים לתורה', פירן אַ באַשיידענע אידישע שטוב, זיך אָבאַכט געבן נישט עובר צו זיין אויף קיין סעיף-קטן אין שולחן ערוך א.א.וו. טאָ צו וואָס פעלט נאָך אויס דערצו אמונה אין אַ צדיק?! פאַרקערט, איך וויל זיין פאַרבינדן נאָר צום אייבערשטן דירעקט, איך דאַרף נישט האָבן-צו-טון מיט מענטשן וועלכע זאָלן זיין כאילו אַ 'פאַרמיטלער' צווישן מיר מיט'ן אויבערשטן. איך האָב זיך מיינע 'מוסר ספרים' צו לערנען, מיין 'דיין' צו פרעגן שאלות און מיין קהלה וואָס שטעלט-צו אַלע 'צרכי קודש' און גענוג מיט דעם, וואָס דאַרף איך זיך נאָך פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט 'אמונת צדיקים'?!

### אמונה פשוטה

פון אַזעלכע מענטשן פרעגט זיך: אַלזאָ, פאַרענטפערט קרח'ס טענה: **"כי כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה' ומדוע תתנשאו על קהל ה'"**, נו, פאַרוואָס איז ער טאַקע נישט גערעכט, ער פאַרמאָגט דאָך לכאורה אַ זאַכליכע טענה? נאָכדעם וואָס משה רבינו האט אונז שוין אויסגעלערנט די תורה, פון-יעצט-און-ווייטער זאָל משה זיין אַ ציווילע בירגער גלייך מיט יעדן, פאַרוואָס זאָל ער זיין דער 'רבי' איבער אונז אַלע?!

נאָר דאָס וואָס האָט זיך געפאָדערט פון 'קרח', פאָדערט זיך אויך פון אונז היינט; אָננעמען און פאָלגן דעם באַפעל פון אויבן: **"ובו תדבק - הדבק בתלמידי חכמים"** צי מען פאַרשטייט יאָ - צי נישט, אַזוי וויל דער אויבערשטער! זיך צובינדן און זיך באַהעפטן אינעם 'צדיק-אמת' - אפילו אויב מען פאַרשטייט נישט דעם וויכטיגקייט דערפון.

### מען קען נישט אָן דעם!

אויב וויל עמיצער יאָ אַביסל פאַרשטיין דעם צוועק און נויטיגקייט פון 'נאָנטקייט צום צדיק', זאָל ער אַביסל נישטערן אין חסיד'ישע ספרים פון די תלמידי בעש״ט הק', איבערהויפּט אין 'ליקוטי מוהר״ן', וועט ער זיך איבערצייגן אַז "מען קען צו גאָרנישט דערגרייכן אמת'דיג אָן דעם צדיק". ווי צום ביישפּיל: די עבודת ה' זאָל נישט זיין נאָכגעמאַכט אַנדערע מענטשן - ווי אַ מאַלפּע; כוחות צו בעטן אַ גאַנץ לעבן אויף אַ געוויסע זאַך אָן זעהן רעזולטאַטן; ריכטיג תשובה-טון ביזן טיפסטן פינטל; זוכן נאָר דעם אויבערשטנ'ס כבוד; זיך דערהאַלטן אין אַלע סאָרט 'ירידות'; אַ קלאָרע ווירקליכע אמונה; אַ כח זיך צו באַגעגענען מיט נסיונות - אָן דורכפאַלן; אויסרייסן די געבוירענע 'גאווה' פון זיך; אָנהייבן יעדן טאָג פונדאָסניי מיט אַ זעלטענע פרישקייט; די 'גוף און 'נשמה' זאָלן נישט זיין אָפּגעריסן איינער פון אנדערן; באַלאַנסירן דעם הייליגן ברען - אַז די נשמה'דיגע דאָרשט זאָל אים נישט פאַרברענען; האָבן ריינע געדאַנקן און מחשבות א.א.וו.

---

***דורכדעם וואָס מיר טראָגן אויף זיך דעם 'נאָמען' פונעם צדיק - וועלכער האָט אַוועקגעגעבן זיין גאַנצע לעבן פאַרן אויבערשטן - ווערט גערעכנט ווי גלייך מיר אַליין וואָלטן אויך זוכה געווען צו דעם דאָזיגן לויטערקייט, דערמיט פאַרדינען מיר אויך מיט רעכט דעם נאָמען 'ישראל'.***

---

### דער שורש השרשים פון 'אמונת צדיקים'

אינעם יום-טוב'דיגן דאַווענען זאָגן מיר: **"אתה בחרתנו"**. מיר רעכענען דאָרט אויס זיבן מעלות - איינס גרעסער פון צווייטן - וואָס דער אויבערשטער האָט געטון צו אונז; ער האָט אונז אויסגעוועלט פון אַלע פעלקער, ליב געהאַט א.א.וו. ביז מען קומט אָן צו די גרעסטע און העכסטע מעלה: **"ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת"** - דו האָסט אונז באַטיטלט מיט דיין הייליגן גרויסן נאָמען. דאָס הייסט, אַז מיר אַלע ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען: 'ישראל' - 'איד'; דער דאזיגער נאָמען שרייט אַרויס: "אונזער גאַנצער עקזיסטענץ פון אָנפאַנג-אָן איז געווידמעט נאָר פאַר איין איינציגע ציל - צו גלויבן און פאַרהייליגן דעם הייליגן באַשעפער'ס נאָמען". דערפאַר האָט אונז דער אויבערשטער אָנגערופן מיט זיין אייגענע נאָמען 'א-ל' - ווי גלייך אַ מענטש רופט זיינע קינדער מיט זיין פאַמיליע-נאָמען - כדי אונטערצושטרייכן אַז דאָס זענען די באַשעפענישן וועלכע טראָגן דעם פאָן פון מיין 'אמונה' אויף דער וועלט, ביי זיי פלאַטערט מיט שטאָלץ דער פאָן פון 'קידוש שם שמים', זיי זענען גרייט צו טאַנצן אין פייער און אין וואַסער אַריין פאַר מיינעט וועגן, זיי לעבן און אָטעמען נאר כדי מיר צו שאַפן אַ 'נחת-רוח'.

### מסירת-נפש פאַרן נאָמען 'איד'

דער דאָזיגער מעלה פון: **"ושמך הגדול והקדוש עלינו קראת"**, איז דער וואָרצל פונעם אידישקייט-בוים. פון דעם דאָזיגן נאָמען 'איד' שפּראָצן אַרויס אַלע צווייגן, פון דעם קערל בליען אַלע פרוכט פון תורה און מצוות. דעריבער איז די הלכה (שו״ע יו״ד קנ״ז סעי׳ ב׳) אַז אויפן נאָמען 'איד' דאַרף מען האָבן ממש 'מסירות נפש'; אַז אויב מען צווינגט איינעם ער זאָל אַראָפּנעמען פון זיך דעם נאָמען איד, ד.ה. פון-היינט-און-ווייטער זאָל ער זיך מער נישט רופן 'איד', נאָר 'כינעזער' 'שפּאַנישער' א.ד.ג. אַבי נישט 'איד' - אפילו אויב וועט מען אים לאָזן היטן די גאַנצע תורה אין די עפנטליכקייט - דאַרף ער זיך לאָזן הרג'ענען כדי נישט אַראָפּ וואַרפן פון זיך דעם הייליגן נאָמען 'איד'. דאָס איז דערפאַר ווייל מיטן אויסרייסן דעם נאָמען 'איד' פון זיך, פליקט ער זיך אָפּ פונעם וואָרצל. אָן דעם נאָמען - וועט זיין תורה גאָרנישט ווערד זיין. אונזער גאַנצע אמונה אינעם אויבערשטן, אונזער אומבאַגרעניצטע געטריישאַפט צו אים, אַלעס ליגט אונטער דעם הייליגן נאָמען 'ישראל', און אז מען רייסט דאָס אויס - בלייבט מען מיט גאָרנישט.

### דער נאָמען שטייט אונז גוט?!

ליידער - ווען מיר מאַכן אַ שטיקל אויפריכטיגע 'חשבון הנפש', מיר קוקן זיך איין אַביסל אין אונזערע לעבנ'ס שטריכן, אין אונזערע מדות און תאוות - ווערן מיר רויט פאַר בושה, מיר בלייבן אָפּגעפּאַטשט און פאַרשעמט; מיר זענען טאַקע די וועלכע רופן זיך 'ישראל'?! גערעכט טאַקע, בעסער פון אַלע פעלקער זענען מיר, אָבער מיט-דעם-אַלעם ווערן מיר דאָך גערופן מיטן גרויסן באַשעפער'ס נאָמען, איז דאָס אינגאַנצן מיט רעכט?! זענען מיר דען די דאָזיגע וועלכע ווידמען זייער לעבן נאָר פאַר'ן אויבערשטנ'ס וועגן?! זענען מיר דען נישט פאַרזונקען רוב טאָג אין אייגענע חשבונות וויאַזוי צו פאַרדינען מער געלט און כבוד אדער אַנדערע מאַטעריאַלע געברויכן?! טאָ ווי קענען מיר דען טראָגן אונזער נאָמען מיט שטאָלץ?! קומט אויס למעשה, אַז מיר דאַרפן זוכן אַן עצה, אַז מיר זאלן זיך יאָ קענען באַרימען און פרייען מיט אונזער הייליגע אידישע נאָמען.

### צדיקים - גוטע 'אידן'

דאָ קומט אַריין אין בילד דער באַגריף: **"אמונת-צדיקים"**. דער אויבערשטער ווייסט און זעהט אונזער היינטיגע סיטואַציע. דערפאַר האָט ער אונז אַראָפּגעשיקט 'צדיקים', וואָס זיי ווידמען יאָ אמת'דיג זייער גאַנצע לעבן פאַרן אויבערשטנס וועגן, זיי האָרעווען אין עבודת ה', זיי רייניגן זיך אויס פון יעדע שלעכטע מדה, פון יעדע אייגענע נגיעה. איבערהויפט די גאָר גאָר גרויסע צדיקים וועלכע זענען געווען אינגאַנצן **'בלתי לה' לבדו'**, עס איז נישט געבליבן ביי זיי קיין שום שפּור פון אַן אייגענעם ווילן - אויסער רצון ה'. זיי פאַרדינען מיטן פולסטן רעכט דעם טיטל 'ישראל', זיי זענען עס די געטרייע קינדער וועלכע פאַסן זיך ריכטיג צו צום נאָמען פונעם גרויסן פאָטער.

<<<

>>>

## טראָגן אויף זיך דעם צדיק'ס נאָמען

יעדער איד וועמען עס אַרט אַז ער איז נישט גענוג פּאַסיג צום נאָמען 'איד', ער וויל אויך זוכה זיין צו זיין אַ גענצליכער 'איד' - האָט דעם געלעגנהייט. ער קען זיך באַהעפטן צום צדיק, גלויבן אין אים, אים ליב האָבן, און בעיקר: זיך 'פאַררופן אויף זיין הייליגן נאָמען' - ווי דער מנהג פון פאַרצייטישע חסיד'ישע אידן, זיך צו פאַררופן אויפן נאָמען פון זייער רבי'ן: 'קאָזניץ'ער-חסיד', 'באַרדיטשוב'ער-חסיד'. דאָס האָט נישט געטראָגן קיין פּאַרטייאישע אדער נאַציאָנאַלע מאָטיוו ח"ו - נאָר איין הייליגער ציל, אַז דורכדעם וואָס מיר טראָגן אויף זיך דעם 'נאָמען' פון דעם צדיק - וועלכער האָט אַוועקגעגעבן זיין גאַנצע לעבן 'לעשות נחת-רוח להבורא ית"ש' - ווערן מיר אויך נכלל אינעם צדיק, עס ווערט גערעכנט ווי-גלייך מיר אַליין וואָלטן אויך זוכה געווען צו דעם דאָזיגן ריינקייט און לויטערקייט וואָס דער צדיק האָט דערגרייכט אין זיין לעבן, און מיט דעם פאַרדינען מיר אויך מיט רעכט דעם נאָמען 'ישראל'.

### די גאוה פון 'עדת קרח'

'קרח' האָט גע'טענה'ט: "כל העדה כולם קדושים **"ובתוכם ה'"**. דאָס הייסט, יעדער איינער טראָגט אויף זיך דעם אויבערשטנ'ס נאָמען, מיר אַלע זענען אידן, צוליב וואָס דאַרפן מיר 'משה רבינו'?! זאָגט אָבער דער תרגום: **"ואתפלג קרח"**, דורך דעם איז קרח געוואָרן אָפּגעטיילט פון דעם נאָמען 'ישראל'. ווייל דער גאַנצער נאָמען 'ישראל' וואָס אידן פאַרמאָגן, איז נאָר אינעם זכות פון די אמת'ע צדיקים וועלכע געפונען זיך אין כלל ישראל. אָבער ווי נאָר מען הייבט אָן קריגן אויפן 'צדיק' וועלכער פאַרמאָגט דעם שלימות פון 'איד', פאַרלירט מען דעם רעכט זיך צו רופן מיטן אויבערשטנ'ס נאָמען. דאָס באַדייט אַז מען ווערט ח"ו אָפּגעריסן פונעם וואָרצל פון אידישקייט, מען ווערט גלייך ווי די 'כינעזע' און 'שפּאַנישע' גויים רח"ל. דאָס אַלעס האָט געשטאַמט פון זייער גאוה: **"אנשי שם"**, זיי זענען געווען מענטשן מיט זעלבסטשטענדיגע נעמען, זיי האָבן זיך געהאַט זייערע אייגענע רבי'סטעוועס, דעריבער האָט זיי נישט געפּאַסט זיך אונטערצוטעניגן אונטער משה רבינו, אַראָפּ לאָזן דעם קאָפּ און זיך פאַררופן אַלץ "משה רבינו'ס חסיד". דער דאָזיגער גאוה האָט זיי אָפּגעריסן פונעם נאָמען 'ישראל', און אַריינגעשמיסן אין אָפּגרונד אַריין רח"ל. אָבער **"אויף די דאָזיגע וועלכע באַהעפטן זיך צום 'צדיק-אמת', אויף זיי טייטלט דער אויבערשטער: "ישראל אשר בך אתפאר"** (חיי מוהר"ן; ערך 'מעלת המתקרבים אליו' סי' רצ"ב).

# "איך וועל זיין דיין קדיש!"

*קראַנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים*

דער חסיד ר' הירש פון 'מעדוועדיווקע' - פון די עלטערע תלמידים פונעם רבי'ן - איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ זון און טאָכטער. אין אַ טאָג האָט אים אַן אומגליק באַטראָפן, דער זון איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אַן ערנסטן "לונגען-אַנטצינדונג". פאַר ר' הירש'ן - וועלכער איז נישט געווען באַהאַוונט אין די נאַטור פון דעם דאָזיגן קרענק - איז נישט בייגעפאַלן אַז דער מצב איז ליידער זייער שמאָל. אַזוי ווייט אַז כאָטש דער רבי האָט אין יענע צייט אָפּגעשטאַט אַ באַזוך אין שטאָט, האָט ער אפילו נישט ערוועגט פאַר אים איבער זיין קראַנקן זון.

דער איידעם זיינער, דאַגעגן, האָט יאָ פאַרשטאַנען דעם קריטישן מצב. ער איז אַריין צום רבי'ן וויינענדיג ער זאָל מעורר רחמים זיין איבער זיין קראַנקן שוואָגער. ווי דער רבי האָט געהערט זיין געבעט, רופט ער זיך אָן: "אויף דער וועלט קען איך אים נישט טון קיין שום טובה! אויף יענע וועלט - נאָכ'ן שטאַרבן - קען איך אים יאָ אַ טובה טון! זאָג דיין שוואָגער ער זאָל קומען צו מיר און איך וועל רעדן מיט אים".

הערנדיג אַזעלכע רייד איז דער שוואָגער דערציטערט געוואָרן. ווי עס שיינט איז שוין דער 'גזר דין' פאַרזיגלט געוואָרן... "איך בעט אייך, הייליגער רבי!" האָט ער גענומען בעטן און מוטשען, "טוט אַלע מעגליכקייטן אַראָפּצונעמען די גזירה און ברענגען אַ רפואה פאַר'ן קראַנקען; ער איז דאָך אַן איינציג באַליבט זון צו זיין פאָטער, ווער קען זיך פאָרשטעלן זיין פיין אויב וועט זיין זון אים נפטר ווערן אויף דער עלטער!"

דער רבי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. ווען ער האָט געענדיגט זיינע רייד האָט זיך דער רבי געוואָנדן צו אים: "פאַרוואָס עקשנ'סטו זיך אַזוי שטאַרק? אויב איך וועל מיך אָנשטרענגען אים געזונט צו מאַכן, וועלן דאָך דרייצן אַנדערע מוזן שטאַרבן אַנשטאָט אים; און ביים טאַטן אין הימל זענען דאָך אַלע קינדער אייניג ווערד! און אויסער דעם, אפשר ביזטו איינער פון די דאָזיגע דרייצן?!"

ווי דער יונגערמאַן האָט געהערט די ווערטער, האָט ער אויפגעהערט מוטשען. ער איז אַריבער געגאַנגען צום שוואָגער, און אים געראָטן ער זאָל אַליין אַריבער גיין צום רבי'ן.

דער קראַנקער איז געקומען, און דער רבי האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט אים אין אַ צימער, וואו זיי האָבן געהאַט אַ פריוואַטן שמועס צווישן פיר אויגן. צוויי מאָנאַטן דערויף איז ר' הירש'נס זון אַוועק פון דער וועלט.

דער אַלטער פאָטער האָט ביטער געקלאָגט אויף זיין פריצייטיגע-פטירה און נישט געוואָלט אָננעמען קיין טרייסט. הערשט אין די שבעה טעג האָט אים זיין איידעם פאַרציילט אַז נאָך פאַר צוויי חדשים פריער, ווען דער רבי האָט געווײלט דאָ אין שטאָט, האָט ער פאַרשטאַנען פון זיינע ווערטער וואָס עס וועט פאַסירן.

נאָכן ענדיגן די 'שבעה' האָט ר' הירש זיך אַרויסגעלאָזט צום רבי'ן קיין ברסלב. ער איז אָנגעקומען צום רבי'נס שטוב ווען עס איז שוין געוואָרן נאַכט, און דער רבי האָט זיך שוין געגרייט צום שלאָפן. דעם רבי'נס משמש פון יענע תקופה ר' שלמה מאָגריניצער [אַן אייניקל פון הרה"ק ר' שלמה לוצקער - אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד] דערזעענדיג דעם גאַסט פון מעדוועדיווקע איז ער געגאַנגען אָנזאָגן דעם רבי'ן איבער זיין אָנקום. דער רבי האָט געהייסן אים אַריינרופן אינעם צימער.

נאָר דערזעענדיג דעם רבי'נס הייליגן געזיכט האָט רבי הירש אויסגעבראָכן אין אַ שטורמישן געוויין, נישט קענענדיג אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מויל. דער הייליגער רבי, דער גרויסער טרייסט פון אידישע קינדער, האָט אים באַגאָסן מיט באַרואיגונגס-ווערטער: "די הויפּט קינדער פון צדיקים איז דאָך זייערע גוטע מעשים" און אַזוי פאַרשידענע רייד פון חיזוק. אָבער ר' הירש באַרוהיגט זיך נישט, מיט אַ טיפן ווייטאָג וועלכע שטאַרט אַרויס פון זיינע אויגן פרעגט ער: "רבי! דער זון איז דאָך געווען מיין 'קדיש', ווער וועט יעצט קדיש זאָגן פאַר מיר נאָך מיין שטאַרבן?"

"איך וועל זיין דיין קדיש!" האָט דער רבי געענטפערט צום אַלטן חסיד, און צוגעלייגט: "איך וועל דיר אויך אויסלערנען וויאַזוי אַוועקצוגיין פון דער וועלט." אַזוי רעדנדיג האָט דער רבי אַ וואונק געטאָן מיט די הענט פאַר'ן משמש ר' שלמה ער זאָל פאַרלאָזן דעם צימער.

דער משמש וועלכער איז גאָר נייגעריג געווען וואָס דער רבי וועט דאָ זאָגן, האָט טאַקע צוגעשפּאַרט די טירן, אָבער געלאָזט אַן ענגן שפּאַלט כדי זיך צו קענען אונטער-הערן צו די פאַרבאָרגענע רייד וועלכע ווערן גערעדט אינעווייניג.

ער האָט אָבער נישט מצליח געווען צו הערן קיין זאַך, אויסער איין זאַץ אין וועלכן דער רבי האָט געזאָגט צום חסיד: "זאָלסט אָננעמען אַ הייליגע אַרטיקל אין האַנט און דערמיט שווערן אַז נאָך דיין פטירה, גלייך נאָכ'ן באַערדיגן, וועסטו קומען צו מיר."

ר' הירש האָט זיך געזעגנט פונעם רבי'ן און צוריקגעקערט צו זיין היימשטאָט.

אין יענע צייט האָט זיך אויסגעבראָכן אין מעדוועדיווקע אַ שרעקליכע קינדער-עפּידעמיע, וואָס האָט ליידער געבראַנגט פילע קרבנות. די ברסלב'ע חסידים פון שטאָט האָבן געוואָלט שיקן אַ שליח צום רבי'ן, ער זאָל איינרייסן איבער די שווערע גזירה. אָבער אַזוי ווי זיי זענען געווען ביטערע אָרימעלייט האָבן זיי נישט באַגליקט צאַמצושטעלן די רייזע-שפּעזן צום ווייטן ברסלב.

אינצווישן איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ שווערע בשורה: "דער אַלטער חסיד רבי הירש איז אַוועק פון דער וועלט." פונקט האָט זיך דאַן אויפגעהאַלטן אין שטאָט דער אויבנדערמאַנטער משמש פונעם רבי'ן ר' שלמה מאָגריניצער. הערנדיג איבער ר' הירש'נס פטירה האָט ער דערציילט פאַר זיינע חברים איבער די ווערטער וואָס דער רבי האָט געזאָגט צו ר' הירש אין פאַרבינדונג מיט'ן קומען צו אים נאָכן הסתלקות.

ביי אַלעמען איז ענטשטאַנען די פראַגע: "האָט ער עספּיעט אויסצופאָלגן דעם רבי'נס אָנזאָג צו מאַכן אַ שבועה, צי נישט?" דעריבער האָבן די גרויסע חסידים - צווישן זיי דער דערהויבענער תלמיד ר' יודל - באַשלאָסן, אַז בשעת'ן לוי' ווען מען וועט אַרומרינגלען דעם מטה, זאָל מען נעמען אַ ספר תורה און באַשווערן דעם נפטר אַז ער זאָל גיין צום רבי'ן און אים דערציילן איבער די שרעקליכע מגיפה וואָס שוועבט אין שטאָט.

דריי חדשים שפּעטער האָט ר' שלמה זיך צוריקגעקערט קיין ברסלב. אָנקומענדיג צום רבי'נס שטוב האָט זיך דער רבי באַלד געווענדעט צו אים: "געדענקסטו אפשר אין וועלכן דאַטום ר' הירש איז אוועק פון דער וועלט?" ר' שלמה האָט געוואוסט צו דערציילן אין וועלכן חודש די זאַך האָט פאַסירט, אָבער דער פונקטליכער דאַטום איז אים פאַרגעסן געוואָרן. "זאָג נאָר", פרעגט אים דער רבי, "צי איז עס נישט געווען אין דעם-און-דעם דאַטום?"

"יאָ יאָ, טאַקע אַזוי!" דערמאַנט זיך ר' שלמה, באַשטעטיגנדיג מיט ערשטוינונג די רייד.

"גיב נאָר אַ קוק אַן אינטערסאַנטע זאַך?" זעצט דער רבי פאָר, "גלייך נאָכ'ן באַערדיגן איז שוין רבי הירש געווען ביי מיר".


יצא לאור ע"י:
חבורת האברכים דחסידי
**ברסלב - וויליאמסבורג**
**347-292-9618**
לתרומות לשמחות ולע"נ, נא לפנות להמערכת
לקבלת הגליון, שלחו בקשה באימעיל:
**NH.Breslev@Gmail.com**
מאד נשמח לקבל הארות והערות

הר"ר **יצחק זאב שווארטץ** הי"ו
וויליאמסבורג
**תרם והפיץ 1000 גליונות**
זכות ההפצה וזיכוי הרבים יעמדו לו לראות רוב נחת דקדושה

הר"ר **הערשל אדלער** הי"ו
וויליאמסבורג
**תרם והפיץ 1000 גליונות**
לכבוד שמחת לידת בתו שתחי'
זכות ההפצה וזיכוי הרבים יעמדו לו לראות רוב נחת דקדושה

הר"ר **יעקב אדלער** הי"ו
וויליאמסבורג
**תרם והפיץ 500 גליונות**
לע"נ חותנו ר' אליעזר ב"ר שמואל ע"ה שטענדיג היא"צ חל ביום כ"ב סיון
ת.נ.צ.ב.ה.

הר"ר **משה יואל הערצאג** הי"ו
בארא פארק
**תרם והפיץ 500 גליונות**
לכבוד שמחת לידת בתו שתחי'
זכות ההפצה וזיכוי הרבים יעמדו לו לראות רוב נחת דקדושה

הר"ר **אהרן קירזנער** הי"ו
פלעטבוש
**תרם והפיץ 500 גליונות**
לכבוד שמחת נישואי בתו שתחי' עב"ג החתן אפרים משה בהר"ר אברהם שערמאן לעיקוואוד
זכות ההפצה וזיכוי הרבים יעמדו לו לראות רוב נחת דקדושה

הר"ר **שאול יחזקאל גראס** הי"ו
קרית יואל
**תרם והפיץ 500 גליונות**
לכבוד שמחת לידת בתו שתחי'
זכות ההפצה וזיכוי הרבים יעמדו לו לראות רוב נחת דקדושה


**» התנצלות «**

**אין די קומענדיגע זומער וואָכן** וואָס דער עולם ווײלט אויף די בערג, און עס איז זייער שווער אַרויסצוגעבן דעם גליון - סיי אַלץ די 'הפצה', און סיי אַלץ די 'נדבות' - **וועט דער גליון נישט ערשיינען.**

ואתכם הסליחה